



# תורת יואל

גליון מס' 96

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פרשת שופטים תשפ"ו


## שופטים ושוטרים תתן לך וגו', צדק צדק תרדוף למען תחי' וירשת.

דארף מען פארשטיין דאם דאפעלטן לשון פון צדק צדק?

בהקדם, דער רבי ברענגט צו א משנה אין **מסכת פאה: כל מי שצריך ליטול ואינו נוטל אינו מת מן הזקנה עד שמפרנס אחרים משלו**, טייטש: יעדער ארעמאן וואס איז בארעכטיגט צו נעמען צדקה און פונדעסטוועגן נעמט ער נישט, געבן אונזערע חכמים א ברכה, אז ער וועט נישט שטארבן ביז ער וועט זוכה זיין צו שפייזן אנדערע <u>מיט זיין געלט</u>, און די משנה ברענגט צו דעם פסוק (ירמי' יז) **ברוך הגבר אשר יבטח בד', והי' בד' מבטחו**, געלויבט איז דער מענטש וואס פארלאזט זיך גענצליך אויף דעם באשעפער.

שטייט ווייטער אין די משנה, **וכן דיין שדן דין אמת לאמיתו**, די זעלבע ברכה באקומט א דיין וואס פסקנ'ט א אמת'ע דין תורה, און די משנה ענדיגט: **שנאמר צדק צדק תרדוף**.

פרעגט דער תוספת יו"ט און נאך מפרשים, וואס איז דער שייכות די צוויי ענינים, פון א ארעמאן וואס נעמט נישט קיין צדקה און א דיין וואס פסקנ'ט אמת'דיג א דין תורה?

**ויש לפרש**, דער רבי פארענטפערט די קשיא מיט א מדרש אויפן פסוק: **כי תבוא אל הארץ, ואמרת אשימה עלי מלך**: ווען די אידען וועלן אריינקומען קיין א"י, וועט דער פאלק בעטן, <u>אונז ווילן אויך האבן א מלך - א קעניג</u>, זאגט דער מדרש: **אל תבטחו בנדיבים**, פארלאז דיך נישט אויף מענטשן, שטייט ווייטער אין מדרש, אמר ר' סימון בשם רבי יהושע בן לוי, **כל מי שבוטח בד' זוכה להיות כיוצא בו**, טייטש: ווער עס פארזיכערט זיך אין באשעפער, איז זוכה צו זיין ווי דער באשעפער אליינס, אבער, **כל הבוטח בע"ז נתחייב להיות כיוצא בו**, ווער עס פארזיכערט זיך אין א ע"ז ווערט אזוי ווי די ע"ז רח"ל, שנאמר **כמוהם יהי' עושיהם**, די וואס דינען ע"ז ווערן א חלק פון די ע"ז אליינס, עד כאן דברי המדרש.

פרעגט דער רבי, בשלמא צו א ע"ז איז מעגליך צו צוגלייכן א מענטש, דער ע"ז איז סך הכל א קלאץ, אבער צום הייליגען און לעבעדיגן באשעפער ווי איז דאס מעגליך? אויב אזוי וואס איז דער פשט אין דעם מדרש, **להיות כיוצא בו**.

ענטפערט דער רבי, מיט דעם אויבען דערמאנטע משנה, איינער וואס נעמט נישט קיין צדקה, באקומט א ברכה אז ער וועט איין טאג מפרנס זיין אנדערע, פארוואס פונקט די ברכה? ווייל ער וויל אז נאר <u>דער באשעפער זאל אים שפייזן</u>, נישט דורך מענטשן, דאס הייסט נאר דורך **מעשי ד'**, איז ער זוכה אויך צו טוהן **מעשי ד'**, און שפייזען אנדערע, און דאס איז דער פשט אין מדרש, **כל מי שבוטח בד' זוכה להיות <u>כיוצא בו</u>** ווייל מען ווערט א שותף מיט הקב"ה, און מען איז זוכה צו טוהן מעשי הקב"ה, די זעלבע איז אויך, ווען א דיין פסקנ'ט א אמת'דיגע פסק, ווערט ער א שותף מיטן הייליגען באשעפער, און באקומט די זעלבע ברכה, אין דאס איז די שייכות פון די צוויי ענינים.

דער תיו"ט איז מדייק דעם דאפעלטן לשון "**אמת לאמיתו**", ברענגט דער רבי צו א מימרא פון זיידן דער הייליגער ישמח משה: <u>א דיין זאל קענען פסקענען אמת'דיג, איז נאר מעגליך מיט **סייעתא דשמיא**</u>, ווי אזוי?, א דיין דארף מברר די הלכה בכל כוחו

אנצוקומען צו אן **אמת**, דענסטמאל העלפט דער באשעפער מכוון צו זיין **לאמיתו**, עד כאן לשונו, און דאס האבן די חז"ל מדייק געווען כל הדן דין אמת לאמיתו, אויב דער דיין איז דן ב'אמת, העלפט דער באשעפער אנצוקומען לאמיתו, מיט דעם הסבר פארשטייט מען דעם דאפעלטן לשון אין פסוק, **צדק צדק תרדוף**, עס קומט מרמז זיין, אויב דער דיין וועט נאכגיין דעם אמת לויט זיינע בעסטע השגות, וועט ער זוכה זיין אנצוקומען צום אמת'דיגע **צדק** בסייעתא דשמיא.

דער רבי זי"ע ענדיגט זיינע ווערטער מיט הייליגע ברכות, **ובמהרה נזכה לביאת המשיח בנחת ובשמחה בקדושה ובטהרה**, טייטש: מיר זאלן זוכה זיין צו ביאת המשיח, מיט א רואיגקייט און שמחה, הייליגקייט און ריינקייט, דער רבי בענטש אונז: **ונזכה לראות בישועת כל ישראל ושמחתן**, מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן די ישועה און שמחה פון כלל ישראל, **בהתרוממת קרן התורה וישראל**, מיט א דערהויבענע כבוד התורה וישראל, **ובהתגלות כבוד שמים עלינו**, און דער כבוד פון באשעפער זאל נתגלה ווערן, **במהרה בימינו אמן.**

# מעשה דערציילט

אין גליון פרשת מטות/מסעי, איז געווען באשריבן די מעשה פון הרה"ח רבי בנציון יאקאבאוויטש, פון קליינווארדיין, איז אריינגעפאלן א טעות, אז רבי בנציון יאקאבאוויטש פון בני ברק איז געווען א אייניקל, באמת איז ער געווען א ברודערס א זוהן, און באקומען דעם ערשטן נאמען נאכן פעטער.

אין א שמועס מיט הרה"ח רבי משולם יאקאבאוויטש הי"ו א זוהן פון הרה"ח רבי בנציון פון בני ברק, רבי בנציון איז געווען ווי באקאנט דעם רבינ'ס סאלדאט אין בני ברק, און אנגעפיהרט די התייסדות און הנהגת המוסדות

איז געווען איינמאל זייער שווערע צייטן אין די מוסדות, ס'איז נישט געווען קיין געלט אנצוגיין, און רביה"ק איז פונקט דעמאלס געווען אין ארץ הקודש, שנת תשי"ב אדער ט"ו, אויף איינע פון די נסיעות, און די הנהלה האט אפגעמאכט אריינצוגיין צום רבי'ן, איבערגעבן דעם מצב און מטכס עצה זיין, עצות ותחבולות לקיום המוסד.

רבי בנציון זאגט אז ער גייט נישט מיט, ער קען רעדן צום רבי'ן סיי וואס אבער נישט קיין געלט ענינים, רבי בנציון האט געהאלטן בשיטה, אז דער רבי איז פארנומען מיט א געוואלד ענינים אין די קורצע טעג וואס ער ווילט אין א"י, און מען טאר אים נישט באדערן מיט געלט פראגעס.

איז די הנהלה אריין אן רבי בנציון, נאכן פארלייגן דעם געלט פראבלעם, און צוגעלייגט אז אזוי קען מען נישט אנגיין ווייטער, און דער גאנצער מוסד איז אין א סכנה, דער רבי האט תיכף באמערקט און געפרעגט וואו איז רבי בנציון? האט מען געענטפערט, אז ער האט נישט געוואלט קומען, ער וויל נישט מטריח זיין דעם רבי'ן.

האט דער רבי געזאגט א אינטערעסאנטע הגדרה, דער נאמען בנציון איז א סגולה צו אריכת ימים, אז רבי בנציון וועט אנפירן די מוסדות, וועט די מוסדות האבן אריכת ימים.

אגב, בספר י"ג אורות, ווערט צוגעברענגט א מעשה, די שייכות פון דעם נאמען "בנציון" צו אריכת ימים, וואס איז פארבונדען מיט א מעשה ביים הייליגן צאנזער רב צ"ל, ווען ביי זיין אייניקל רבי שלמה'לע באבוב'ער הראשון, האט זיך נישט געהאלטן קיין קינדער ל"ע, ביז דער צאנזער זיידע האט געהייסן געבן דעם נאמען בנציון, און האט מאריך ימים געווען, שפעטער באקאנט אלס דער קדושת ציון זצ"ל

## א קאפיטל היסטאריע

**גאונים - ראשונים - בעלי התוספות**

### אבודרהם

**רבי דוד ברבי יוסף אבודרהם,** באקאנט אלס א פרשן אויף תפילות ישראל ומנהגים, רבי דוד איז געווען א תלמיד פון רבי יעקב בן הרא"ש - בעל הטורים.

רבי דוד איז געווען רב אין טולידא ספרד, און געווען זעהר נכבד בעיני הגוים, דער הערשער פון ספרד האט אים געשטעלט אויף די שטייערן, און געטראסט זיינע פשרות לגבי וויפיל איינצוקאסירן, ווייל צווישן די שטעט איז אלס געווען סיכסוכים אויף די איינאמע

זיין ווערק אבודרהם, ווערט באצייכענט א "יצירה גדולה", וואו ער איז מסביר טעמי התפילות, און די טעמי המצוות וואס זענען פארבינדן מיט די תפילות, און ווי אויך די פארשידנ'ארטיגע מנהגים פון צרפת און ספרד.

אין זיין הקדמה, שרייבט ער א לענגערע קאפיטל אויף די סיבות פארוואס ער האט געשריבן דעם חיבור, **וכאשר ראיתי:** און ווייל כ'האב געזעהן, אז די דאווענערס ווערן מתמעט, און די וואס ווייסן און פארשטייען וואס מען זאגט, ווערט ווייניגער און ווייניגער, **עלה בליבי:** איז מיר ארויף אויפן געדאנק צו מחבר זיין א פירוש אויף תפלה, מתובל פון דברי חז"ל, גאונים און ראשונים, **ואהיה ממצדיקי הרבים:** און דאס זאל גערעכנט ווערן אלס א צדק פאר מיר, ווייל איך האב צוריק געשטעלט די תפילות אויפן ריכטיגן וועג.

ווייטער אין די הקדמה, איך וועל צוברענגען גימטריאות ונוטריקין, איך וועל אויך שרייבן די סדר עיבור השנים, אויך וועל איך ברענגן טעמים פאר יעדע מנהג לויט ווי איך האב געזעהן אין ספר המנהיג (לרבי אברהם ברבי נתן הירחי) און פון ספר המנהגות (לרבי אשר מלוניל), און פון נאך חיבורי קדמונים.

דער חיבור **אבודרהם** איז געווארן איבערגעדרוקט מערערע מאל, און געווארן אויפגענומען ביי כלל ישראל מיט גרויס אהבה.

## הערת הקורא

א ישר כח פארן מפרסם זיין די מעשה מיט אונזער זיידע הרב אברהם צבי גינטצלער ז"ל פון איהעל, וואס האט באקומען א זעלטענע ברכה פון הייליגן ישמח משה זצ"ל, מיר די לאנדא משפחה זעמיר אויך אייניקלעך, און מיין זיידע הרה"ח ר' אברהם הערש לאנדא ז"ל האט לכאורה געהייסן נאך דעם איהעל'ער זיידע.

כסליו תשט"ז, איז רביה"ק געקומען מנחם אבל זיין משפחת הרה"ח רבי וואלף לאנדא ז"ל, און דאן האט דער רבי איבערדערציילט די מעשה, און מדייק געווען אין דעם לשון וואס דער ישמח משה האט געזאגט לפני פטירתו, "ביים לעבן קאן איך נישט דיר באצאלן פאר דיין געטריישאפט, לאחר מאה ועשרים וועל איך באצאלן".

און רביה"ק האט צוגעלייגט, אז די ברכה איז חל אויך אויף די קינדער און אייניקלעך.

(פנחס משה לאנדא - בארא פארק)